גוט שבת אלע אידן. "גיא לאוואן" זיין עכטע נאמען, איז אויפגעוואקסן א פרייער איד אין ארץ ישראל. באלד בעפאר גיא האט געענדיגט זיין באדינען אין דעם מיליטער אין ארץ ישראל, איז זיין גאנצע משפחה, חוץ פון אים אליינס, געווארן בעלי תשובה.

דער מעשה ווי אזוי די משפחה זענען געווארן בעלי תשובה איז א מוראדיגע השגחה פרטית מעשה. אמאל, האט גיא'ס מאמא און מימע איינגעלאדענט זייערע עלטערן (ד"ה גיא'ס באבא און זיידע) צו קומען מיט זיי צו א שיינע האטעל אויף "שישי–שבת" אלץ "נופש." עס איז 'אויסגעקומען' אז יענע שבת האט דער באקאנטער קירוב מוסד "ערכים" פארגעשטעלט א סעמינאר אין דעם זעלבען האטעל ווי גיא'ס משפחה איז געווען שבת. גיא'ס משפחה זענען געווען נעבאך איינגאנצען "פריי." אבער זיי זענען געווארן נייגעריג צו הערן וואס מיינט "ערכים." דורך דעם זענען זיי געגאנגען צו די דרשות וואס ערכים האט צוגעשטעלט דורך שבת. און דורך דעם זענען זיי געווארן בעלי תשובה!

גיא, וואס האט דעמאלט שטודירט א פאך, פלעגט אהיימקומען יעדע וואך צו זיין מיט זיין משפחה אויף שבת. כאטש אז ער האט הנאה געהאט פון שבת ביי זיין משפחה, האט גיא אליינס נישט געוואלט זיין פרום.

צוביסלעך אבער, האט ער אנגעהויבן צו טראכטן. וואס טוט ער דא אויף די וועלט? וואס איז זיין ציל אין לעבן וכו'? צוביסלעך האט ער אנגעהויבן צו טון מצות. שטילערהייט, למשל, האט ער אנגעהויבן צו גיסן נעגל וואסער אינדערפרי. ער האט אויך אנגענומען אויף זיך נישט צו שרייבן אין שבת.

נאכדעם וואס גיא האט געענדיגט שטודירען, האט ער געוואלט נעמען א וואקאציע ארומפארן אביסל די וועלט. פארשטייט זיך אז גיא'ס מאמא האט נישט אזוי שטארק געוואלט אז איר זון זאל פארלאזן ארץ ישראל, אפילו אויף א קורצע צייט. בעפאר ער איז ארויסגעפארן פון ארץ ישראל, האט גיא'ס מאמא געבעטן פון אים איין זאך: ער זאל כאטש היטן צוויי שבת'ים אין איין צי בעפאר ער גייט ארויספארן. גיא האט מסכים געווען און ער האט טאקע געהיטן צוויי שבת'ים. גיא האט זייער שטארק געניסן פון דעם עונג שבת ביי זיין עלטערן יענע צוויי שבתים. שפעטער ווען גיא האט זיך געטראפן אין א שווערע מצב, האט די חיזוק פון די שבתים געקומען צו נוץ...

גיא איז געפארן אויף א באזוך קיין ארגענטינה. ער האט געוואלט גיאן שפאצירן אין דעם שיינע בערג אין דעם דרום צייט פון ארגענטינה, וואס איז בערך זיבן הונדערט מייל אוועק פון אנטארקטיקא, די דרומ'דיגע שפיטץ פון די וועלט. גיא'ס מאמא האט געשיקט מיט אים א תהלים מיט א סידור וואס זענען אויך געקומען צו נוץ שפעטער.

בקיצור גיא האט געטראפן נאך א מענטש וואס איז אויך אינטערעסירט געווען ארומצוגיין די שיינע בערג דארט. זיי האבן געפלאנט צו שפאצירן אויף א וועג אין די בערג וואס וועט דאווערן דריי טעג. זיי האבן געברענגט פונקט גענוג עסן פאר דריי טעג...

אלעס איז געווען פיין און וואויל ביז גיא און זיין נייע חבר זענען פארבלאנדזשעט געווארן אין די בערג. פיעל וואסער האבן זיי געהאט ווייל עס זענען געווען אסאך גרויסע טייכן דארט. אבער עסן האבן זיי נישט געהאט! זיי זענען געגאנגען עטליכע טעג אנע עסן. גיא האט געהיטן שבת דעמאלט וויפיל ער האט פארשטאנען. אפילו אין די שעת סכנה, האט ער אויך נישט געוואלט טון קיין מלאכה! חוץ פון דעם, האט גיא געדאווענט און געזאגט תהלים פון דעם סידור וואס זיין מאמע האט אים געגעבן.

איין טאג דערנאך, ווען די צוויי זענען געווען שוין שוואך פון נישט עסן א לאנגע צייט, האבן זיי ברוך השם געטראפן "בעריס" קליינע יאגדעס. זיי האבן געגעסן און געגעסן און זיי זענען נאך אלץ געווען הונגעריג! זיי האבן איבערגעלעבט דעם שווערען מצב דורך די "בעריס." בקיצור, זענען די צוויי געגאנגען און געגאנגען, אבער זיי האבן נישט געטראפן דעם וועג צוריק צום שטאט!

דורך אלעס האט גיא געהיטן שבת לויט זיין פארשטאנד. ווען שבת איז געקומען, פלעגט ער זינגען דעם שבתדיגע זמר "כי אשמרה שבת, קל ישמרני." ער האט דערציילט צו זיין חבר אז ער האט נישט מורא געהאט, ווייל ער האט געגלייבט אז דער אייבערשטער וועט זיין ראטעווען. ער האט געזאגט כסדר אז "ישועת ה' כהרף עין."

אפילו אז גיא'ס בטחון איז געווען גרויס, איז די טאג געקומען ווען זיי האבן נישט געוואוסט ווי אזוי זיי וועלן זיך קענען אויסהאלטן. זיי האבן שוין נישט געהאט קיין בעריס צו עסן. מיט זייערע לעצטע כוחות האבן זיי צוזאמען גענומען צווייגן און זיי האבן געמאכט א גרויסע "סיין" אויפ'ן זייט פונעם בארג, האפענדיג אז אן עראפלאן אדער העליקאפטער וועט איבערפארן און זען אז זיי זענען דארט. זיי האבן ארויסגעשריבן די ענגלישע אותיות "עס.או.עס" וואס איז ראשי תבות פאר "ראטעוועט אונז." יענע טאג האט גיא געדאווענט מיט גרויס כוונה.

דעם נעקסטען טאג האבן זיי פלוצלינג געהערט דעם רעש פון א העליקאפטער וואס איז איבערגעפארן דעם פלאץ. ב"ה אז דער העליקאפטער האט זיי געזען און עס איז אראפגעקומען. זיי זענען ב"ה געראטעוועט געווארן! דער פילוט האט געזאגט אז זיי זענען געווען 120 מייל אוועק פונעם שטאט! זיי זענען געווען סך הכל דריי און דרייסיג טעג אויפ'ן בארג. שפעטער האבן זיי געהערט אז קיינער האט נישט איבערגעלעבט מער ווי צוויי וואכן אין דעם שווערן פלאץ. גיא האט פארלוירן בערך דריי און דרייסיג פונט.

פארשטייט זיך אז זיין משפחה איז זייער דאנקבאר געווען אז גיא איז געראטעוועט געווארן. זיי האבן אסאך געדאווענט אז גיא זאל ארויסקומען לעבעדיגערהייט פון דעם סכנה. פאר כמעט א חודש האבן זיי נישט געוואוסט וואס איז געשען צו זייערע זון. אויפ'ן וועג אהיים קיין ארץ ישראל האט גיא אפגעמאכט אז ער וויל ווערן א בעל תשובה בשלימות. ער האט געוואוסט אז דער אייבערשטער האט אים נישט סתם געראטעוועט, נאר דער אייבערשטער האט געוואלט אז גיא זאל אים דינען. עס האט נישט גענומען לאנג ביז גיא איז טאקע געווארן אן עכטער בעל תשובה!

עס שטייט אין פסוק: "ואת כל רכושם אשר רכשו ואת הנפש אשר עשו בחרן וגו'..." און זייער פארמעגן וואס זיי האבן פארזאמעלט, און אלע מענטשן וועלכע זיי האבן איינגעזאמעלט אין חרן וגו'." "רכשו" איז א לשון פון זיך איינשאפן, ווייל דורך מקרב זיין אידן, באקומט מען די שכר פון יענעמ'ס מצוות. אזוי ווי די גמרא זאגט אין די נאמען פון רבי אבהו: "כל המעשה את חבירו לדבר מצוה, מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה וכו'" (סנהדרין צט:)

פון דא קען מען לערנען די כח פון מקרב זיין אידן. אפילו בשעת דער "מקרב" שלאפט ביי נאכט און אפילו נאך די 120 און במשך דורי דורות, לייגט ער תפילין, לערנט ער תורה און היט ער שבת, וכו'! די חברה פון "ערכים" אין אונזער מעשה וואס האבן געמאכט דעם סעמינאר אין יענע האטעל דעמאלט, האבן קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז עס וועט משפיע זיין תשובה אויף גיא, איינער וואס איז אפילו נישט געווען ביי דעם סעמינאר.

מיר קענען אלע נתעורר ווערן צו גיין אין די פיסטריט פון אברהם אבינו ע"ה, דורך מקרב זיין אנדערע אידן. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו "רוכש" זיין שכר בלי סוף אין עולם הבא. און אפילו אז יעדער איינער איז נישט ביכולת צו קענען עוסק זיין אין קירוב פערזענליך, קען מען אויך האבן א חלק אין דעם דורך מנדב זיין צו קירוב מוסדות למשל "ערכים," אדער צו דעם מוסד "טוב לב" אין סקווירא. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל השמחות**

מזל טוב למוה"ר אהרן לעפקאוויטש הי"ו לרגל שמחת נשואי בנו יצחק נ"י בשעטומ"צ

לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: **נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל**

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362–3234